בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא

תשפ"ה

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

**נדפס ע״י**

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע״י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט״א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


פַאְרְוָואס זָאלְן דִי קִינְדֶער זַיין גוּט, אַז אִיךְ בִּין אַ גָארְנִישְׁט? ......... א

פַאְרְוָואס בִּין אִיךְ נִישְׁט פְרֵיילִיךְ? ......... ד


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


אַזוֹי יוּנְג, אַזוֹיפִיל גֶעלִיטְן, אוּן אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה ......... א

גֵיי הֲפָצָה, דָאס זָאל זַיין דַיין פַּרְנָסָה ......... ב

אַלֶע אִיבֶּעְרְגֵייעֶכְצֶער אִיז נָאר וַוייל דֶער אֵייבֶּעְרְשְׁטֶער וִויל הֶערְן דַיין קוֹל ......... ב

טוּישְׁן דִי לִימוּד נַ"ךְ צוּ אֵיין קַאפִּיטְל אַ טָאג ......... ג

מִיט הַארְץ אוּן טְרֶערְן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּעְרְשְׁטְן צוּ עֶפֶענֶען דַיין קָאפּ ......... ד

בֶּעט אוֹיף אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה ......... ה

גֵיי נִישְׁט אַרוֹיס בַּיינַאכְט פוּן שְׁטוּבּ, אֲפִילוּ פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם ......... ו

זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ גֵיין צוּם דַיין'ס שִׁיעוּר גְמָרָא יֶעדֶע נַאכְט ......... ז

טַלִית וּתְפִילִין רַאטֶעוֶועט פוּן חִבּוּט הַקֶּבֶר אוּן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס ......... ז

אַ זְכִיָ' אַהֶערְצוּשְׁטֶעלְן דִי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה בְּחִנָּם ......... ח

דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה קִילְט אָפּ דִי פֵייעֶר פוּן טוּן עֲבֵירוֹת ......... ט

וִוי אֵיידֶער זִיךְ קְרִיגְן, עֶנְדֶערְשׁ זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּעְרְשְׁטְן ......... י

זִיךְ פַארְ'עַקְשְׁנֶ'ען אוֹיף שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב ......... י

וָואס וֶועט זַיין מִיט פַּרְנָסָה? ......... יב

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ עֶנְטְפֶער נִישְׁט דַיינֶע בְּרִיוו ..............................יג

הֲפָצָה אִיז אַסַאךְ מֶער בַּיי מְקוּרָבִים וָואס הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת ........................יג

דֶער וָואס בְּרֶענְגְט מִיר לָשׁוֹן הָרָע, אִיז נִישְׁט מַיין פְּרֵיינְד .........................יד

עֶס רַייסְט דָאס הַארְץ אַז דֶער רֶבִּי אִיז אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט .......................... טו

עֶנְדִיגְן אַ מִקְוֶה טָהֳרָה, אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער .............................יז

פִּיר זִיךְ עֶרְלִיךְ אוּן שֵׁיין, וֶועט דַיין וַוייבּ וֶוערְן מְקוּרָב ...........................יז

נִישְׁט שְׁטוּיסְן אוּן שְׁלָאגְן, וַוייל דָאס הֶעלְפְּט נִישְׁט .......................יח

וֶוער עֶס פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, בַּאקוּמְט שׁוֹין אוֹיךְ אַ גוּט לֶעבְּן .......................... יט

הָאבּ נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם מוֹרָא, גֵיי הֲפָצָה אִין יְשִׁיבוֹת..........................כא

לֶערְן אוּן חַזֶר הִלְכוֹת טָהֳרָה אָן אַ שִׁיעוּר מָאל ............................ כב

דֶער מַאן זָאל אָנְגְרֵייטְן דִי שַׁבָּת לֶעכְט אוּן דָאס אָפְּבְּרֶענֶען ..........................כב

לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת, וֶועט דִיךְ מַאכְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק ...........................כג

מַאךְ דִי עֶכְטֶע לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס ...............................כג

וֶוען דוּ הֶערְסְט מַחֲלֹקֶת, גֵיי אַוֶועק אָדֶער פַארְדְרֵיי דִי שְׁמוּעֶס...........................כה

קֵיי נִישְׁט אִיבֶּער אַלְטֶע צָרוֹת אוּן אַלְטֶע וֵוייטָאג ..........................כו

קוֹיף דַיין וַוייבּ אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה, מִיט שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער פוּן הַארְצְן ........................כז

מַעֲשִׂיוֹת פוּן הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א זי"ע, אַ סְגוּלָה פַאר רְפוּאָה ..........................כט

אִינְוֶועסְטִיר בַּיי דַיינֶע שַׁבָּת סְעוּדוֹת, גֵיי נִישְׁט אַרוֹיס ..........................לא

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## פַּארְוָואס זָאלְן דִי קִינְדֶער זַיין גוּט, אַז אִיךְ בִּין אַ גָארְנִישְׁט ?

### שְׁאֵלָה :

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיווּ.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] אַ שְׁטִיק צַייט צוּרִיק אַז אִיךְ זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאב אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי תְּפִילַּת הַשְּׁלָ"ה אוּן אוֹיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אִידִישׁ.

עֶס פִילְט זִיךְ אָבֶּער אַבִּיסְל מָאדְנֶע, אִיךְ אַלֵיין בִּין נִישְׁט דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק, וְוִי אַזוֹי קֶען אִיךְ עֶרְוַוארְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מַאכְן מַיינֶע קִינְדֶער עֶרְלִיךְ וֶוען אִיךְ הַאלְט בַּיי גָארְנִישְׁט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה :

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס - קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט; דָאס אַז דוּ ווִילְסְט עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, דוּ זָאגְסְט דִי תְּפִילַּת הַשְּׁלָ״ה אוּן דוּ בִּיסְט מִתְפַּלֵּל אוֹיף אִידִישׁ פַאר גוּטֶע קִינְדֶער - דָאס ווַייזְט אַז דוּ בִּיסְט יָא גוּט אוּן דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק.

מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן קָרוֹב צוּ הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט בְּרִיוו, אִין יֶעדֶע בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא״ש שְׁרַייבְּט עֵצוֹת און סְגוּלוֹת פַּאר גוּטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער - קוּמְט מוֹהֲרָא״ש אַלְץ צוּרִיק אַז דִי שְׁלִיסְל אִיז תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת.

מוֹהֲרָא״ש דֶערְצֵיילְט, וֶוען דִי הֵיילִיגֶע צְוֵויי בְּרִידֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ זוּשָׁא זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען גָּלוּת לַיידְן, הָאבְּן זֵיי גֶעטְרָאפְן אִין אֵיינֶע פוּן דִי דֶערְפֶער אַ קִינְד, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אוֹיף דֶעם קִינְד אַז עֶר הָאט אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַ שְׁטַארְקֶע לִיכְטִיגְקֵייט רוּט אוֹיף אִים, זֵיי הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם קִינְד וואוּ עֶר וואוֹינְט, זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט זֶען דֶעם טַאטְן, אִים נָאכְקוּקְן ווִי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרָאפּ צוּ בְּרֶענְגֶען אַזַא הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען דֶעם אִיד, אַ פָּשׁוּט׳עֶר אִיד וָואס דַאוֶונְט דְרֵיי מָאל אַ טָאג דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן, און לֶערְנְט שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט ווִי קוּמְט צוּ אַזַא פָּשׁוּט׳עֶר אִיד אַזַא הֵיילִיג קִינְד.

זֵיי הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט און גֶעפְרֶעגְט, בִּיז דִי וַוייבּ הָאט גֶעזֶען ווִי זֵיי עַקְשְׁנ׳עֶן זִיךְ, הָאט זִי גֶעזָאגְט אַז יֶעדְן שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי בַּיי דִי זְמִירוֹת, בַּיי בָּרוּךְ הַשֵּׁם יוֹם יוֹם וֶוען אִיר מַאן קוּמְט אָן צוּ דִי וֶוערְטֶער: "וְזַכֵּנוּ לִרְאוֹת בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבַמִּצְוֹת" - וֵויינְט עֶר, עֶס רִינְט אִים טְרֶערְן פוּן דִי אוֹיגְן, עֶר זָאגְט אִיבֶּער דִי וֶוערְטֶער אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, בִּיז עֶר פַאלְט פוּן דִי כֹּחוֹת, אַזוֹי חַזֶר׳ט זִיךְ אִיבֶּער יֶעדְן שַׁבָּת; הָאבְּן דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע בְּרִידֶער גֶעזָאגְט, יֶעצְט פַארְשְׁטֵייעֶן זֵיי ווִי קוּמְט אַזַא הֵיילִיג קִינְד צוּ אַזֶעלְכֶע פָּשׁוּט׳עֶ עֶלְטֶערְן, דוּרְךְ תְּפִלָּה; דֶער קִינְד אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן דֶער צַדִיק רֶבִּי דָוִד לֶעלוֹבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

## ווי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת נֹחַ, כ"ו תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

הָאסְט מִיר גֶעפְרֶעגְט וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; דֶער עֶנְטְפֶער אִיז - זָאלְסְט יֶעדְן טָאג אַוֶועק גֶעבְּן אַפָּאר מִינוּט הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיף דֶעם.

מַאךְ זִיךְ אַ קֶבִיעוּת צוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג פִינְף מִינוּט נָאר אוֹיף עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק יח): "מַעֲשֶׂה בְּכֹהֵן אֶחָד שֶׁהָיָה יְרֵא שָׁמַיִם בַּסֵּתֶר, וְהָיוּ לוֹ עֲשָׂרָה בָּנִים מֵאִשָּׁה אַחַת, שִׁשָּׁה זְכָרִים וְאַרְבַּע נְקֵבוֹת", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ כֹּהֵן זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט גֶעהַאט צֶען קִינְדֶער - זֶעקְס זִין אוּן פִיר טֶעכְטֶער, "וּבְכָל יוֹם וָיוֹם הָיָה מִתְפַּלֵּל וּמִשְׁתַּטֵּחַ וּמִתְחַנֵּן וּמְבַקֵּשׁ רַחֲמִים וּמְלַחֵךְ בִּלְשׁוֹנוֹ עָפָר, כְּדֵי שֶׁלֹּא יֵצֵא אֶחָד מֵהֶן לִידֵי עֲבֵירָה וְלִידֵי דְּבַר מְכֹעָר", עֶר פְלֶעגְט זִיךְ יֶעדְן טָאג אַרָאפְּוַוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד וַויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן; "אָמְרוּ לֹא יָצְתָה אוֹתָהּ שָׁנָה וְלֹא שֵׁנִית וְלֹא שְׁלִישִׁית, עַד שֶׁבָּא עֶזְרָא וְהֶעֱלָה אֶת יִשְׂרָאֵל מִבָּבֶל, וְהֶעֱלָה אִתּוֹ כֹּהֵן עִמָּהֶם. לֹא נִכְנַס אִתּוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ, עַד שֶׁרָאָה כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים וּפִרְחֵי כְהוּנָה מִבָּנָיו וּמִבְּנֵי בָנָיו עַד חֲמִשִּׁים שָׁנָה, וְאַחַר כָּךְ נִכְנַס אוֹתוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ", בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוֹיף צוּ גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען מִיט עֶזְרָא הַסּוֹפֵר, אוּן אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן דֶער כֹּהֵן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס אַלֶע פוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן דִי עֲבוֹדָה אִינֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז תְּפִלָּה אִיז דִי עֵצָה זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים].

...

## פַארְוָואס בִּין אִיךְ נִישְׁט פְרֵיילִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ וִוי אַ כְּפוּי טוֹבָה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס גֵייט מִיר בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַזוֹי פֵיין, מוֹהֲרַ"אשׁ שְׁרַייבְּט אַזוֹיפִיל מָאל "אַלֶע דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען קוּמֶען וַוייל דוּ בִּיסְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ", ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְוָואס טַאקֶע בִּין אִיךְ נִישְׁט פְרֵיילִיךְ? פַארְוָואס נֶעמְט מִיר אַזוֹיפִיל מָאל אַרוּם אַזַא טְרוֹיעֶרִיגְקֵייט? אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאפְרֵייעֶן דֶערְפוּן...

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיין פְרֵיילִיךְ אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע עֲבוֹדָה, זַיין פְרֵיילִיךְ אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע עֲבוֹדָה, אוּן דִי הֵיילִיגְסְטֶע עֲבוֹדָה; זוֹכֶה זַיין צוּ שִׂמְחָה אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ, מֶען דַארְף אוֹיף דֶעם אַזוֹיפִיל בֶּעטְן, אוּן אַזוֹיפִיל שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג:

**"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר שִׂמְחָה, אִיךְ זָאל זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל דִיךְ שְׁפִּירְן אִין אַלֶע מַיינֶע בֵּיינֶער אוּן אִין אַלֶע מַיינֶע אָדֶערְן, אִיךְ זָאל זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ - בִּיז דִי שִׂמְחָה וֶועט קוּמֶען צוּ מַיינֶע פִּיס אוּן אִיךְ וֶועל טַאנְצְן יֶעדְן טָאג פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים אַז אִיךְ בִּין אִיד אוּן אַז אִיךְ קֶען טוּן דַיינֶע מִצְוֹת.**

**אָנָּא הַשֵּׁם אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הַרְחֵק מִמֶּנִּי אֶת הָעַצְבוּת וְהָעַצְלוּת, נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי דֶערְבִּיטֶערְטְקֵייט אוּן דִי פוֹילְקֵייט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל יֶעדְן טָאג רֶעדְן מִיט אַנְדֶערֶע פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן שִׂמְחָה, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, אוּן אַזוֹי וֶועל אִיךְ אַלֵיין זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן בִּזְכוּת וָואס אִיךְ וֶועל זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ**

**וֶועל אִיךְ נִכְלָל וֶוערְן אִין דִיר, בִּיז אִיךְ וֶועל קוּמֶען צוּ זֶען נָאר דִיךְ, אִיךְ וֶועל גָארְנִישְׁט זֶען נָאר דִיךְ.**

**הֶעלְף מִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא נָאר דוּ בַּאשֶׁעפֶּער, אוּן זַיי מִיר מוֹחֵל אַלֶע מַיינֶע עֲבֵירוֹת, אוּן אִיךְ זָאל גָארְנִישְׁט וֶועלְן נָאר זַיין מִיט דִיר, אָמֵן סֶלָה״.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**אַזוֹי יוּנְג, אַזוֹיפִיל גֶעלִיטְן, אוּן אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י״ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט פוּן רֶעדְן מִיט דִיר נֶעכְטְן נַאכְט, בְּעִיקָר הָאבּ אִיךְ הַנָאָה גֶעהַאט צוּ זֶען וִוי דוּ דֶערְהַאלְטְסְט זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין, דוּ בִּיסְט אַזוֹי שְׁטַארְק, בִּיסְט אַזוֹיפִיל אַרִיבֶּער אִין לֶעבְּן, בִּיסְט אַזוֹי יוּנְג אוּן אַזוֹיפִיל גֶעלִיטְן, אַזוֹיפִיל צַעַר אוּן יְסוּרִים וִוי מֶען הָאט דִיךְ גֶעפַּיינִיגְט, אוּן דָאךְ אִיז דַיין אֱמוּנָה שְׁטַארְק אוּן דַיין אֱמוּנַת חֲכָמִים אִין רֶבִּי״ן אוּן אִין דִי הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים.

בִּיסְט דָאךְ יֶעצְט גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא״שְׁ׳ס צִיוּן, הָאסְט מְסַיֵּים גֶעוֶוען תְּהִלִּים, וֶועסְטוּ זִיכֶער בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, אַזוֹי הָאט מוֹהֲרָא״שׁ מַבְטִיחַ גֶעוֶוען, וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען קַיין יַבְנְאֵל אוּן אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים בַּיי דַיין צִיוּן, וֶועט עֶר נִישְׁט רוּעֶן בִּיז עֶר וֶועט אִים מַאכְן אַ שִׁידוּךְ.

בְּלַייבּ שְׁטַארְק, לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, זָאג אַרוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס בַּאדֶערְט דִיךְ, וֶועסְטוּ זֶען יְשׁוּעוֹת.

...

## גֵּיי הֲפָצָה, דָאס זָאל זַיין דַיין פַּרְנָסָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י״ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרער, הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן בִּיסְט שׁוֹין אַ חָתָן, נָאךְ אַבִּיסְל גֵייט זַיין דִי חֲתוּנָה, זָאלְסְטוּ נָאר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן פַאר דִי חֲסָדִים, וֶועט קוּמֶען נָאךְ חֲסָדִים.

גֵּיי הֲפָצָה, דָאס זָאל זַיין דַיין פַּרְנָסָה נָאךְ דִי חֲתוּנָה, דָאס זָאל זַיין דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, ווִי מֶער מֶענְטְשְׁן מְזַכֶּה זַיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

צֶעטֵייל דַיין טָאג, דִי עֶרְשְׁטֶע הֶעלְפְט זָאלְסְטוּ דַאוֶוענֶען, אוּן לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד (הַמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו). שְׁטֵיי אוֹיף פַארְטָאגְס, דַאוֶוען וָתִיקִין אוּן לֶערְן מִקְרָא - חוּמָשׁ רַשִׁ״י. מִשְׁנָה - חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. גְּמָרָא - בַּבְלִי אוּן יְרוּשַׁלְמִי, דֶעם דַף אוּן נָאךְ זִיבְּן דַפִּים בַּבְלִי צוּ עֶנְדִיגְן שַׁ״ס בְּכָל שָׁנָה. מֶדְרָשׁ - זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ פוּן פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ, תִּיקּוּנֵי זוֹהַר צוּ עֶנְדִיגְן בְּכָל חוֹדֶשׁ, מֶדְרָשׁ רַבָּה וְתַנְחוּמָא פוּן פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ. דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, אוּן סִפְרֵי הֲלָכָה.

דַאוֶוען מִנְחָה אוּם דְרֵיי אַזֵייגֶער, אוּן דִי צְוֵוייטֶע הֶעלְפְט טָאג זָאלְסְטוּ גֵיין הֲפָצָה, שְׁטוּרֶעמֶען דִי הַייזֶער, דִי שׁוּלְן, דִי רֶעסְטוֹרַאנְטְן, חֲתוּנָה זַאלְן, גֶעשֶׁעפְטְן וְכוּ׳ וְכוּ׳; וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

...

## אַלֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער אִיז נָאר וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל הֶערְן דַיין קוֹל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י״ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּנְטֶער אַלֶעס, עֶר אִיז בַּאהַאלְטְן אִין דַיין בִּיזְנֶעס, אִין אַלֶעס וָואס דוּ גֵייסְט

אַרִיבֶּער, עֶס וֶועט דִיר בְּקָרוֹב צוּרִיק בְּרֵייטֶער וֶוערְן, דוּ וֶועסְט צוּרִיק הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

עֶס קֶען זַיין אַז דָאס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער וְכוּ׳, אִיז נָאר וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל הֶערְן דַיין קוֹל וְוי דוּ גֶעבְּסְט אַ גוּטֶע קְרֶעכְץ, אוּן אֵיין וָוארְט פוּן הַארְץ אַרוֹיס וְוי דוּ בֶּעטְסְט: **"טַאטֶע אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, טַאטֶע אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְלוֹירְן, טַאטֶע הֶעלְף מִיר, רַאטֶעוֶוע מִיךְ, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין צֶעקְוֶועטְשְׁטְקֵייט" וְכוּ׳ וְכוּ׳.**

קֶען זַיין נָאר צוּלִיב דֶעם דַארְפְסְטוּ דָאס אַרִיבֶּערְגֵיין, דִיךְ צוּ בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "כִּי קוֹלֵךְ עָרֵב", דַיין קוֹל אִיז מִיר זִיס, "וּמַרְאֵיךְ נָאוֶה", אוּן דַיין אוֹיסְזֶען אִיז שֵׁיין (שִׁיר הַשִּׁירִים ב, יד).

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, עֶס וֶועט דִיר בְּקָרוֹב בֶּעסֶער וֶוערְן, דוּ וֶועסְט צוּרִיק הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע, נָאר אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת, גֵיי יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת. פָּאר מִיט דַיין קַאר צוּ אַ שְׁטִילֶע פַּארְק, אַ שְׁטִילֶע וַואסֶער וְכַדוֹמֶה, לָאז דִי טֶעלֶעפָאן אִין קַאר, גֵיי אַבִּיסְל אַ שְׁפַּאצִיר, קוּק אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט אִים: **"בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין מִיט דִיר, אִיךְ ווִיל גֶעדֶענְקֶען פוּן דִיר, אִיךְ ווִיל תַּכְלִית, אִיךְ ווִיל לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אוּן פַאר דֶעם דַארְף אִיךְ פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח".**

אוֹי וְוי זִיס, אוֹי וְוי שֵׁיין, אוֹי וְוי גֶעשְׁמַאק - וֶוען מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען בַּאנִיצְט זִיךְ מִיט הִתְבּוֹדְדוּת; מֶען זֶעט יְשׁוּעוֹת אוּן מֶען וֶוערְט גֶעזוּנְט, מֶען הָאט נִישְׁט מֶער דִי פַּאנִיק אַטַאקֶעס, וַוייל דִי אֱמוּנָה וֶוערְט אַזוֹי שְׁטַארְק, בִּיז מֶען בַּאקוּמְט אַייזֶערְנֶע נֶערְוֶועןְ.

...

### טוֹישְׁן דִי לִימוּד נַ"ךְ צוּ אֵיין קַאפִּיטְל אַ טָאג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דוּ גֵייסְט אָנְהוֹיבְּן אַרְבֶּעטְן אוֹיף דִי לוּחַ פַאר קוּמֶענְדִיגֶע יָאר, שְׁנַת

תשפ"ו, וויל איך דו זָאלְסְט טוּישְׁן די לִימוּד נַ"ךְ, אַנְשְׁטָאט צְוֵויי קַאפִּיטְלֶעךְ אַ טָאג - זָאלְסְטוּ מַאכְן אֵיין קַאפִּיטְל אַ טָאג און גֵיין מִיט די סֵדֶר פון קְהִלַּת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּיַבְנְאֵל, בִּנְשִׂיאוּת הָרַב רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א. עֶס לוֹינְט מִיט צוּ גֵיין אוֹיפְן זֶעלְבְּן סֵדֶר הַלִּמּוּדִים, און נִישְׁט זַיין אָפְּגֶעטֵיילְט.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט שִׂמְחָה, נָאר מִיט אֱמוּנָה און שִׂמְחָה - קֶען מֶען אַרִיבֶּערְגֵיין די וֶועלְט, אַרִיבֶּערְגֵיין אַלֶע שְׁטוּרֶעמִישֶׁע וַואסֶערְן, אַזוֹי ווי דֶער נָבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָ' מג, ב): "כִּי תַעֲבֹר בַּמַּיִם", אַז דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער שְׁטוּרֶעמִישֶׁע וַואסֶערְן, "אִתְּךָ אָנִי", גֶעדֶענְק אַז אִיךְ - בַּאשֶׁעפֶער - בִּין מִיט דִיר, "וּבַנְּהָרוֹת", און גְרוֹיסֶע טַייכְן - "לֹא יִשְׁטְפוּךָ" - וֶועלְן דִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁוֶועמֶען; נָאר מִיט אֱמוּנָה, מֶען גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר און נֶעבְּן מִיר - נָאר אַזוֹי קֶען מֶען אַרִיבֶּערְגֵיין די שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָּבִים.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר, אִיךְ בֶּעט פַאר דַיין וַוייבּ, עֶנְק זֶענֶען אִין מַיינֶע תְּפִלּוֹת.

...

## מִיט הַארְץ און טְרֶערְן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ עֶפֶענֶען דַיין קָאפּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דַיין קָאפּ פְּלִיט דִיר אַוֶועק, דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט קָאנְצֶענְטְרִירְן בַּיים לֶערְנֶען וְכוּ' - זָאלְסְטוּ בַּיי בִּרְכוֹת הַתּוֹרָה אִינְדֶערְפְרִי זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען בַּיי די תְּפִלָּה פון 'וְהַעֲרֶב נָא הַשֵּׁם אֱלֹקֵינוּ', זָאג עֶס מִיט כַּוָּונָה און מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן.

אוֹיךְ בַּיים דַאוֶוענֶען, בַּיי 'אַהֲבַת עוֹלָם' זָאלְסְטוּ זִיךְ בֶּעטְן בַּיים בַּאשֶׁעפֶער: "אָבִינוּ אָב הָרַחֲמָן, הַמְרַחֵם, רַחֵם נָא עָלֵינוּ, וְתֵן בְּלִבֵּנוּ בִּינָה לְהָבִין וּלְהַשְׂכִּיל", זָאג עֶס מִיט אַ נִיגּוּן, מִיט הַארְץ, מִיט טְרֶערְן, בֶּעט זִיךְ

בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר עֶפֶענֶען דִי קָאפּ דוּ זָאלְסְט פַאַרְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, בֶּעט זִיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶערְנֶען; נָאר אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען, צוּ פַאַרְשְׁטֵיין לֶערְנֶען אוּן צוּ שְׁפִּירְן אַ זִיסְקֵייט אִין לֶערְנֶען.

אַלֶע צַדִיקִים אוּן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפְּלָאגְט אִין אָנְהוֹיבּ, אַלֶע הָאבְּן אִין אָנְהוֹיבּ נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט אַ גֶעשְׁמַאק, אוּן מִיט תְּפִלָּה אוּן מִיט עַקְשָׁנוּת הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פַאַרְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען אוּן צוּ שְׁפִּירְן אַ זִיסְקֵייט.

גֵיי יֶעדְן טָאג אַ שְׁפַּאצִיר אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל פַאַרְשְׁטֵיין לֶערְנֶען, אִיךְ ווִיל לִיבּ הָאבְּן אוּן הֲנָאָה הָאבְּן פוּן לֶערְנֶען"**, בֶּעט אוּן בֶּעט, אוּן לֶערְן אֲפִילוּ אָן טַעַם, בִּיז דִי תּוֹרָה וֶועט דִיר וַוייזְן אִיר פָּנִים.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר.

...

## בֶּעט אוֹיף אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ אַזוֹי צוּ דִיר, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס אִיז גוּט בַּיי דִיר, בַּיי דַיין מִשְׁפָּחָה מִיט דַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער.

בֶּעט אוֹיף אֱמוּנָה, בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, ווַייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לב), ווֶער עֶס הָאט אֱמוּנָה, אֲפִילוּ עֶר גֵייט אַרִיבֶּער שְׁווֶערֶע טֶעג חַס וְשָׁלוֹם, "יוּכַל לְנַחֵם עַצְמוֹ", קֶען עֶר זִיךְ טְרֵייסְטְן, "וּלְהַחֲיוֹת אֶת עַצְמוֹ", אוּן זִיךְ מְחַיֶּה זַיין, "כִּי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְרַחֵם עָלָיו", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיךְ דֶערְבַּארֶעמֶען אוֹיף אִים, אוּן אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה אוּן פַאר זַיין כַּפָּרָה, "וּבַסּוֹף יֵיטִיב לוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גוּט מַאכְן, "בָּעוֹלָם הַזֶּה אוֹ בָּעוֹלָם

הַבָּא״, אָדֶער דָא אָדֶער שְׁפֶּעטֶער, אָבֶער אָן אֱמוּנָה וֶוען מֶען גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקַייטְן הָאט מֶען זִיךְ נִישְׁט צוּ וֶועם צוּ וֶוענְדְן, נִישְׁטָא קַיין טְרֵייסְט.

דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָאס בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אַלֵיין בּוֹיט אוֹיף דִי אֱמוּנָה, מֶען וֶוערְט שְׁטֶערְקֶער אוּן קְלָארֶער מִיט דִי אֱמוּנָה.

שְׁכֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט דִי קְהִילָה, דֶער רֶבִּי וֶועט דִיר נִישְׁט שׁוּלְדִיג בְּלַייבְּן.

...

## גֵיי נִישְׁט אַרוֹיס בַּיינַאכְט פוּן שְׁטוּבּ, אֲפִילוּ פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ בַּיינַאכְט, גֵיי נִישְׁט אַרוֹיס, אֲפִילוּ פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין שְׁטוּבּ; מֶען קֶען זִיצְן אִין שְׁטוּבּ אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין כְּאִילוּ מֶען אִיז אִין פֶעלְד, אוֹיךְ קֶען מֶען לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ, מֶען קֶען זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין שְׁטוּבּ מִיט הֶעלְפְן דִי וַוייבּ, מִיט לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער, מִיט מְסַדֵּר זַיין אוּן אוֹיפְרוֹימֶען וְכוּ׳.

בּוֹי זִיךְ אַ בַּ׳יִ׳ת׳ נִצְחִי, לֶערְן יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט בַּ׳בְלִי, אַ בְּלַאט יְ׳רוּשַׁלְמִי, אוּן אַ פֶּרֶק תּ׳וֹסֶפְתָּא; מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, אַז מֶען לֶערְנְט דִי דְרֵיי לִימוּדִים - בּוֹיט מֶען זִיךְ אַ בַּיִת נִצְחִי. הַיינְט עֶנְדִיגְט מֶען נָאכְאַמָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי תּוֹסֶפְתָּא אוּן מָארְגְן הוֹיבְּט מֶען אָן נָאכְאַמָאל אִינָאֵיינֶעם לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ פֶּרֶק תּוֹסֶפְתָּא, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דָאס אַיינְגֶעפִירְט מִיט יָארְן צוּרִיק בַּיי תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג בַּבְלִי יְרוּשַׁלְמִי אוּן תּוֹסֶפְתָּא.

יֶעצְט אִיז דִי צַייט צוּ אִינְוֶועסְטְן אִין דֶעם, וַוייל בַּאלְד וֶועט אַרוֹיפְגֵיין דִי פְּרַייז אוּן דוּ וֶועסְט שְׁרֵייעֶן ׳אַ שָׁאד אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקוֹיפְט אוּן אִינְוֶועסְטִירְט וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען שַׁיָיךְ׳; אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט מֶען שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען אִינְוֶועסְטִירְן אִין דֶעם. דוּ קֶענְסְט דָאס בַּאוַוייזְן, לֶערְן יֶעדְן טָאג אַ פֶּרֶק, עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ גֵיין צוּם דַיָין'ס שִׁיעוּר גְמָרָא יֶעדֶע נַאכְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

עֶס אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ גֵיין צוּם דַיָין'ס שִׁיעוּר גְמָרָא יֶעדֶע אוֹיפְדֶערְנַאכְט, עֶס אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ שִׁיעוּר קָבוּעַ אִין לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא.

אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט בְּגוּף וְנֶפֶשׁ, דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע טֶערָאפִּי, דִי גְרֶעסְטֶע פְּרָאפֶעסָארְן קֶענֶען נִישְׁט הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִוי אַ בְּלַאט גְמָרָא הֶעלְפְט, נִיטְאַמָאל אַ פִּינְטְל הֶעלְפְן וְויפִּיל אַ בְּלַאט גְמָרָא הֶעלְפְט. לֶערְנֶען תּוֹרָה לִשְׁמָהּ, פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - 'נַעֲשֶׂה לוֹ סַם חַיִּים', עֶס אִיז מֶעדֶעצִין וָואס מַאכְט לֶעבְּן, אוֹיךְ וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ, אוֹיךְ וֶוערְט מֶען זִיכֶער מִיט זִיךְ.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אִיךְ דַארְף אָבֶער גֵיין צוּ דִי בָּחוּרִים, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף מִיר. דָאס קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן, דוּ וֶועסְט מִיר דַאנְקֶען פַארְן דִיךְ מְחַזֵק זַיין אוֹיף דֶעם.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אַרַיינְקוּמֶען יֶעדֶע פָּאר וָואכְן, עֶס אִיז גוּט אוּן וִויכְטִיג צוּ בְּלַייבְּן מְקוּשָׁר.

...

## טַלִית וּתְפִילִין רַאטֶעוֶועט פוּן חִבּוּט הַקֶּבֶר אוּן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר יֶעדֶע מָאל אִיךְ זֶע דִיךְ קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ זֶע דוּ

בִּיסְט שְׁטַארְק מִיט דַאוְוענֶען און מִיט אָנְטוּן טַלִּית וּתְפִלִּין, דָאס אִיז דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ, דֶער וָואס טוּט אָן טַלִּית וּתְפִלִּין וֶוערְט נִיצוֹל פוּן חִבּוּט הַקֶּבֶר און פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ זָאגְן תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג, און פְּלֶעכְט אַרַיין דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת - וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

...

## אַ זְכִיָ׳ אַהֶערְצוּשְׁטֶעלְן דִי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה בְּחִנָּם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ׳**

בְּשֵׁם דִי גַאנְצֶע קְהִילָּה טוּעֶן מִיר זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר עֶנְק פַארְן אַהֶערְשְׁטֶעלְן דִי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן פַאר בְּחִנָּם, זֵיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען פְרֵייעֶן מִיט אֱמֶתְ׳עֶ פְרֵייד, עֶס זָאל זֵיי נִישְׁט דְרוּקְן חוֹבוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר דַיין וַוייבּ זִי זָאל וִויסְן דִי גְרוֹיסֶע זְכִיָ׳ פוּן הֶעלְפְן מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען הֶעלְפְט דִי קְהִילָּה וָואס טְרָאגְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס נָאמֶען - אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב, וּבִפְרַט אַז מֶען הֶעלְפְט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ קֶענֶען לֶעבְּן אָן חוֹבוֹת, לֶעבְּן אָן וֶוערְן צֶעדְרוּקְט און צֶעקְוֶועטְשְׁט פוּן לֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע, אוֹיסְגֶעבְּן און בָּארְגְן גֶעלְט - פַאר אַנְדֶערֶע, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועט זַיין נָאךְ צְוֵויי חֲתוּנוֹת, און דֶעם וִוינְטֶער קוּמְט נָאךְ חֲתוּנוֹת. דִי יָאר וֶועט זַיין דִי אַכְצִיגְסְטֶע חֲתוּנָּה אִין שׁוּל; אַכְצִיג חֲתוּנוֹת מֵיינְט הוּנְדֶערְט זֶעכְצִיג מְחוּתָּנִים, זֵיי גֶעהָאלְפְן גֵיין צוּ זֵייעֶר קִינְדְ׳ס חֲתוּנָּה אָן קַיין חוֹבוֹת, אָן קַיין דַאֲגוֹת, נָאר מִיט שִׂמְחָה.

דָאס דַארְף עֶנְק גֶעבְּן כֹּחַ און מוּט - וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה.

...

## דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה קִילְט אָפּ דִי פֵייעֶר פוּן טוּן עֲבֵירוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ה מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כה, כא): "אִם רָעֵב שֹׂנַאֲךָ", וֶוען דַיין פַּיינְט אִיז הוּנְגֶערִיג, "הַאֲכִלֵהוּ לָחֶם", גֶעבּ אִים צוּ עֶסְן בְּרוֹיט, "וְאִם צָמֵא", אוּן אוֹיבּ עֶר אִיז דוּרְשְׁטִיג, "הַשְׁקֵהוּ מָיִם", טְרוּנְק אִים אָן מִיט וַואסֶער.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוּכָּה נב.) וֶוער אִיז דֶער פַּיינְט? דֶער פַּיינְט מֵיינְט מֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע, "אִם רָעֵב שֹׂנַאֲךָ", אוֹיבּ דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט דִיךְ הוּנְגֶערִיג צוּ טוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, "וְאִם צָמֵא", עֶר מַאכְט דִיךְ דוּרְשְׁטִיג צוּ שְׁלֶעכְטְס - אִיז דָא אֵיין עֵצָה, "הַאֲכִלֵהוּ לָחֶם", גֶעבּ אִים עֶסְן בְּרוֹיט, דָאס מֵיינְט מֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "הַשְׁקֵהוּ מָיִם", טְרוּנְק אִים אָן מִיט וַואסֶער, דָאס מֵיינְט מֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דָאס קִילְט אָפּ דִי פֵייעֶר פוּן טוּן עֲבֵירוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט) וָואס זָאל מֶען טוּן וֶוען מֶען פַאלְט אִין עֲבֵירוֹת? וָואס זָאל מֶען טוּן וֶוען מֶען הָאט אַ בְּרֶענֶעדִיגֶע יֵצֶר הָרָע? וָואס זָאל מֶען טוּן וֶוען מֶען קוּקְט זִיךְ אָן וִוי מֶען הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן? "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ", אוֹיבּ מֶען וֶועט לֶערְנֶען תּוֹרָה, "בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה", וֶועט מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי עֲבֵירוֹת.

נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן כג), ווארִיל אִיז דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ עֶסְן יֶעדְן טָאג כַּמָּה פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן צוּ טְרִינְקֶען אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים; דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דֶעם פָּסוּק, דוּרְךְ עֶסְן מִשְׁנַיוֹת אוּן טְרִינְקֶען תְּהִלִּים קֶען מֶען זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּנֶעם שׂוֹנֵא.

ווארִיל אִיז דֶעם וָואס פָאלְגְט אוּן טוּט דִי עֵצוֹת, וֶועט אִים זַיין גוּט בָּזֶה וּבַבָּא, אָמֵן.

...

## וִוי אֵיידֶער זִיךְ קְרִיגְן, עֶנְדֶערְשׁ זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ה מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כה, כד): "טוֹב שֶׁבֶת עַל פִּנַּת גָּג", עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ זִיצְן אַלֵיין אוֹיף אַ ווינְקֶל פוּן אַ דַאךְ, "מֵאֵשֶׁת מִדְיָנִים", וִוי צוּ זַיין אִין שְׁטוּב מִיט אַ וַוייבּ וָואס קְרִיגְט זִיךְ, "וּבֵית חָבֶר", אוּן וִוי אֵיידֶער צוּ גֵיין צוּם חַבֶר'ס הויז רֶעדְן מִיט זַיין פְּרוֹי.

יֵשׁ לוֹמַר נָאךְ אַ פְּשַׁט, רוֹב פְּסוּקִים פוּן מִשְׁלֵי אִיז גֶעשְׁרִיבְּן דִי פְּסוּקִים - דִי עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק פָּסוּק קוּמְט בְּעֶצֶם נָאכְן צְוֵוייטְן חֵלֶק פָּסוּק, קֶען מֶען זָאגְן אוֹיךְ דָא, "מֵאֵשֶׁת מִדְיָנִים", אַז מֶען הָאט אַ וַוייבּ אַ קְרִיגֶערִישֶׁע פְּרוֹי, וָואס זָאל מֶען טוּן? זָאגְט דֶער פָּסוּק: "טוֹב שֶׁבֶת עַל פִּנַּת גָּג", וִוי אֵיידֶער זִיךְ קְרִיגְן אִיז בֶּעסֶער זִיךְ זוּכְן אַ ווִינְקֶל אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, דִי שְׁכִינָה זָאל רוּעֶן אִין שְׁטוּב, מֶען זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְן, מֶען זָאל רֶעדְן שֵׁיין.

"וּבֵית חָבֶר", אוֹיבּ מֶען פַּאלְט, מֶען גֵייט מִיט חֲבֵרִים, מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט פְרֶעמְדֶע רַחֲמָנָא לִצְלָן, וָואס אִיז דִי עֵצָה? "טוֹב שֶׁבֶת עַל פִּנַּת גָּג", גֵיי אִין אַ ווִינְקֶעלֶע אוּן שְׁרֵיי: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין אַזוֹי גֶעפַאלְן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין גוּט"**, דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת אִיז מֶען זוֹכֶה מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן אַז דָאס אִיז גוּט, מֶען זָאגְט 'טוֹב שֶׁבֶת עַל פִּנַּת גָּג', דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז זַיין נָאנְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

## זִיךְ פַּארְ'עַקְשְׁנֶ'עְן אוֹיף שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ה מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אוֹיף דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב - זָאלְסְטוּ זִיךְ פַּארְ'עַקְשְׁנֶ'עְן,

זָאלְסְט נִישְׁט מְוַותֵּר זַיין, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ח): "דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל, דָאס שְׁטַארְקְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ בְּלַייבְּן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן", אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נד.) עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן הָאט גֶעזָאגְט: "מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל כַּמָּה הַוֵי, תְּלָתָא פַּרְסֵי", אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן אוֹיסְגֶערִיסְן אַ בַּארְג פוּן דְרַיי פַּרְסָה, עֶר הָאט דָאס גֶעוָואלְט וַוארְפְן אוֹיף דִי אִידְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט אַ נֵס, עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען קְלֵיינֶע וֶוערֶעמְלֶעך אוּן גֶעלֶעכֶערְט דֶעם בַּארְג, בִּיז דֶער בַּארְג אִיז אִים אַרַיינְגֶעפַאלְן אוֹיפְן הַאלְז אוּן אִים דֶערְשְׁטִיקְט, נָאכְדֶעם אִיז גֶעקוּמֶען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ שְׁפְּרִינְג אוּן אִים דֶערְלַאנְגְט אַ קְלַאפּ אוֹיף זַיין פוּס אוּן אִים גֶע'הַרְגֶ'עט. זָאגְט דֶער רֶבִּי, עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן - דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס עֶר הָאט פַיינְט יֶעדְן אִיד, עֶר ווִיל הַרְגֶ'ענֶען יֶעדְן אִיד, עֶר זוּכְט אוֹיסְצוּרַייסְן פוּן אוּנְז דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת, אוּן דוּרְכְדֶעם אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל, "מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל כַּמָּה הַוֵי, תְּלָתָא פַּרְסֵי", פַּרְסֵי אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן דַאוֶוענֶען דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת, דָאס אִיז מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל.

גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, אוּן טְרַאכְט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בֵּייז אוֹיף דִיר, אוּן אַז דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אוּן דוּ דֶערְהַאלְסְט זִיךְ - אִיז דָאס זֵייעֶר גְרוֹיס. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקנה): "דוּ וֵוייסְט וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטְן אִיד", אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ - אִים הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס וֶועט זַיין מִיט פַּרְנָסָה?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, זָאג מִשְׁנָיוֹת אֲפִילוּ בְּלֹא הֲבָנָה, מִשְׁנָיוֹת רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס רֵיינִיגְט דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה; מִשְׁנָיוֹת טוּישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ לְטוֹבָה, "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "מְשַׁנֶּה"; וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מִשְׁנָיוֹת - אִיז מֶען זִיךְ מְשַׁנֶּה אִינְגַאנְצְן. מִשְׁנָיוֹת שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע, מִשְׁנָה אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת (תְּהִלִּים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי", אַז מֶען זָאגְט מִשְׁנָיוֹת נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען ווָאוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נֶעבֶּעךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן. פְּרוּבִּיר צוּ זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת; אַז מֶען זָאגְט ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת קוּמְט צוּרִיק דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן וֶוערְט אִים אוֹיסְגֶערִיסְן זַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה, וַוייל דִי זֶרַע קוּמְט פוּנֶעם מֹחַ, אוּן אַז מֶען זִינְדִיגְט וֶוערְט דֶער מֹחַ אוֹיסְגֶעטְרוּקֶנְט וְכוּ', אוּן וֶוען מֶען זָאגְט אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת בַּאקוּמְט מֶען צוּרִיק אַ קְלָארְן מֹחַ.

וָואס וֶועט זַיין מִיט פַּרְנָסָה? אֵיין עֵצָה אִיז דָא, וֶוען עֶס דְרוּקְט, מֶען הָאט דַחְקוּת פַּרְנָסָה - שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, גֶעבּ מִיר הַרְוָחָה, גֶעבּ מִיר שֶׁפַע"**, אוּן אַז מֶען הָאט שׁוֹין גֶעשְׁרִיגְן, מֶען הָאט שׁוֹין מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען, אוּן עֶס דְרוּקְט נָאכְאַלְץ - שְׁרַייט מֶען נָאכְאַמָאל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֵיי אַ טֶענְצְל, שִׂמְחָה אִיז דִי מְקוֹר הַיְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ עֶנְטְפֶער נִישְׁט דַיינֶע בְּרִיוו

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי בְּרִיוו אוּן אַלֶע בְּרִיוו.

אִיךְ לֵיין דַיינֶע בְּרִיוו, אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר, טְרַאכְט נִישְׁט אַז דָאס וָואס דוּ בַּאקוּמְסְט נִישְׁט צוּרִיק בְּרִיוו אִיז וַוייל עֶפֶּעס נִישְׁט גוּט טוּסְטוּ; זַיי מִיר דַן לְכַף זְכוּת, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְנוּמֶען אִיבֶּערְן קָאפּ אַז אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן צוּרִיק צוּ שְׁרַייבְּן, אֵיי וֶועסְטוּ פְרֶעגְן, פַארְוָואס פַאר אַנְדֶערֶע שְׁרַייבְּט מֶען יָא צוּרִיק? בֶּעט אִיךְ דִיר, זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז.

יֶעצְט שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר צוּרִיק וַוייל דוּ הָאסְט מִיר אַזוֹי פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט מִיט דִי בְּרִיוו אַז דוּ הָאסְט זִיךְ מִתְגַּבֵּר גֶעוֶוען, אוּן דוּ בִּיסְט יָא צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דַיין טַאטֶע בַּיי דִי חֲתוּנָה אוּן אִים גֶעגֶעבְּן מַזָל טוֹב אוּן אוֹיךְ צוּ דַיין מַאמֶע; דָאס אִיז וָואס מַאכְט מִיךְ צוּרִיק צוּ שְׁרַייבְּן, וַוייל דָאס אִיז דֶער רָצוֹן הַשֵּׁם, מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע, אוּן אַז מֶען אִיז בַּיי אַ שִׂמְחָה אוּן טַאטֶע מַאמֶע זֶענֶען דָארְט - זָאל מֶען זֵיי מְכַבֵּד זַיין אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט טַעֲנוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הַפָּצָה אִיז אַסַאךְ מֶער בַּיי מְקוֹרָבִים וָואס הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אַזַא מִצְוָה אַז אִיר זֶענְט מְחַזֵק וַוייבְּלֶעךְ פוּן אוּנְזֶער קְהִילָּה זֵיי זָאלְן קוּמֶען צוּ דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע פְּרוֹיעֶן שִׁיעוּרִים. אַזוֹיפִיל פְּרוֹיעֶן זֶענֶען דָא וָואס קוּמֶען נִישְׁט צוּלִיבּ עַצְבוּת - פוּן דֶערְבִּיטֶערְטְקֵייט, וְעַצְלוּת - אוּן פוּן פוֹילְקֵייט. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן קנה): ״וּמַה שֶּׁהָאָדָם אֵינוֹ נוֹסֵעַ לְהַצַּדִּיק״, דָאס וָואס אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט נִישְׁט צוּם צַדִּיק, ״הוּא מֵחֲמַת

עַצְבוּת וּכְבֵדוּת", אִיז וַוייל עֶר אִיז בְּעַצְבוּת, אוּן אַז מֶען רוּפְט זֵיי, מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי מִיט חָכְמָה וְכוּ' - אִיז דָאס זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת.

מֶען מֵיינְט אַז הַפָּצָה אִיז נָאר בַּיי פְּרֶעמְדֶע, הַפָּצָה אִיז אַסַאךְ מֶער בַּיי מְקוֹרָבִים וָואס פַאלְן אַרָאפּ וְכוּ' אוּן הָאבְּן זֵייעֶרֶע בִּלְבּוּלִים מִיט חֲלִישׁוּת הַדַעַת, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַארְלֵייגְט זִיךְ נָאךְ מֶער אוֹיף אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זֵיי מַאכְן הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת אוּן בִּלְבּוּלִים, אִיז דָאס זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה אַז אִיר זוֹכְט אוֹיף דִי פְּרוֹיעֶן וָואס קוּמֶען נִישְׁט צוּ דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּרִים אוּן אִיר זֶענְט זֵיי צוּרִיק מְקָרֵב.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן: "רֶבִּי, בִּינְד מִיךְ צוּ אִין דַיין זַאק", וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "דוּ בִּיסְט שׁוֹין פַארְכַאפְּט אִין מַיין זַאק". רֶבִּי נָתָן הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶס אִיז נָאכְאַלְץ דָא דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וָואס גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף אוּן ווִיל אִים אַוֶועק כַאפְּן פוּן רֶבִּי'ן, הָאט עֶר גְלַייךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן: "רֶבִּי, בִּינְד מִיךְ צוּ, אִיךְ ווִיל נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן!"

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער וָואס בְּרֶענְגְט מִיר לָשׁוֹן הָרָע, אִיז נִישְׁט מַיין פְּרֵיינְד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר שָׁכֵנ'טֶע וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט אַייךְ אַז זִי בַּארֶעדְט אַייךְ וְכוּ'; עֶס אִיז ווִיכְטִיג צוּ ווִיסְן דֶער טִיפֶער קְלוּגֶער לִימוּד וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶער פוּן זַיינֶע 'פְרֵיינְד', פוּן זַיינֶע 'נָאנְטֶע' - וָואס פְלֶעגְט אִים קוּמֶען בְּרֶענְגֶען דִי לָשׁוֹן הָרָע וָואס דִי מִתְנַגְדִים רֶעדְן אוֹיף אִים, זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "יֶענֶער מְפֻרְסָם וָואס רֶעדְט אוֹיף מִיר אִיז נִישְׁט מַיין פַיינְט, דוּ בִּיסְט מַיין פַיינְט; דוּ וָואס דוּ בְּרֶענְגְסְט

מִיר דִי לָשׁוֹן הָרָע בִּיסְט מַיין פַּיינְט, וָואלְסְטוּ מִיר נִישְׁט דֶערְצֵיילְט וָואס יֶענֶער רֶעדְט - וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין צַעַר, אִיךְ וָואלְט גֶעלֶעבְּט אַ גוּט לֶעבְּן, דוּ מַאכְסְט מִיר צַעַר, דוּ בִּיסְט מַיין פַּיינְט"; דָאס אִיז אַ טִיפֶע חָכְמָה, אַ טִיפֶער לִימוּד וָואס טוּישְׁט דִי בְּלִיק אִין לֶעבְּן, דִי קְלוּגֶע רֵייד פוּן רֶבִּי נָתָן קוּמְט פוּן אַ קְלָארֶע מֹחַ, אַ קְלָארֶע קָאפּ, אַז דִי אַלֶע וָואס קוּמֶען דֶערְצֵיילְן וָואס דֶער זָאגְט אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט - דִי זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קַיין פְּרַיינְד, דִי זֶענֶען וָואס מַאכְן דִי מַחֲלֹקֶת, אוּן דִי שָׁכֵנְ'טֶע וָואס בַּארֶעדְט אַייךְ - אִיז נִישְׁט אַייעֶר פַּיינְט, דִי פְּרוּוֶען וָואס טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען דִי לָשׁוֹן הָרָע'ס - פוּן זֵיי זָאלְט אִיר זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן.

אַז אִיר הֶערְט צוּרִיק אַז אַייעֶר שָׁכֵנְ'טֶע בַּארֶעדְט אַייךְ - זָאלְט אִיר נָאכְמֶער זַיין גוּט צוּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אוּן זֵיי גֶעבְּן מֶער גוּטֶע עֶסְן אוּן שְׁפִּילֶערַייעֶן וְכַדוֹמֶה.

זָאגְט יֶעדְן טָאג דִי אִגֶּרֶת הָרַמְבַּ"ן, דִי בְּרִיוו וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ן הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר זַיין זוּן, דָאס אִיז אַ סְגוּלָה צוּ קֶענֶען פַארְגֶעבְּן פַאר יֶעדְן, אוּן זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס רַייסְט דָאס הַארְץ אַז דֶער רֶבִּי אִיז אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס רַייסְט מִיר דָאס הַארְץ אַז דֶער רֶבִּי אִיז אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט, דִי צַדִיקִים זֶענֶען אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט; אַז דַיין מַאמֶע מַאכְט דִי סְגוּלָה פוּן לֵייגְן אַ שְׁטֵיין אוֹיף אַ קֵבֶר פוּן אַ צַדִיק, מֶען שְׁרַייבְּט אוֹיף דַיין נָאמֶען אוֹיפְן שְׁטֵיין, דִי סְגוּלָה וָואס מֶען טוּט וֶוען נֶעבֶּעךְ נֶעבֶּעךְ אַ קִינְד אִיז אַרָאפּ פוּן וֶועג רַחֲמָנָא לִצְלָן, דִי סְגוּלָה טוּט זִי פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין בְּרוּדֶער וָואס עֶנְק זֶענֶען מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶנְק טוּעֶן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, עֶנְק לֶעבְּן מִיט הִתְבּוֹדְדוּת,

מִיט בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, מִיט שְׁלוֹם בַּיִת, מִיט שִׂמְחָה, און מִיט תְּשׁוּבָה, פַּאר עֶנְק מַאכְט מֶען דִי סְגוּלָה וָואס מֶען מַאכְט פַּאר קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נֶעבֶּעךְ נֶעבֶּעךְ אָפְּגֶעלָאזְט דִי תּוֹרָה וֶועג; שְׁטֶעל זִיךְ פַּאר וִוי דֶער רֶבִּי אִיז פַּארְשֶׁעמְט, וִויפִיל לָשׁוֹן הָרָע מֶען רֶעדְט, אַז אֲפִילוּ עֶרְלִיכֶע אִידְן וִוי דַיינֶע עֶלְטֶערְן מֵיינֶען אַז עֶס אִיז עֶק וֶועלְט אַז דִי קִינְדֶער קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן.

וִויפִיל דַארְף מֶען וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גָלוּת הַשְּׁכִינָה, אַז דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה אִיז אַזוֹי פַּארְשֶׁעמְט, אֲפִילוּ עֶרְלִיכֶע אִידְן קוּקְן אוֹיפְן רֶבִּי'ן מִיט בִּיטוּל, דֶער רֶבִּי אִיז פַּארְשֶׁעמְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט שׁוֹין (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רכח) אַז אַזוֹי מוּז זַיין, דֶער רֶבִּי זָאגְט: "דַע שֶׁכְּשֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִסְתַּכֵּל בְּנִשְׁמָה שֶׁתּוּכַל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַ נְשָׁמָה וָואס הָאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְלַעֲשׂוֹת גֵּרִים", און צוּ מַאכְן גֵּרִים, "אֲזַי הוּא יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ כִּבְיָכוֹל", גֵייט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, "מְבַקֵּשׁ וְרוֹאֶה שֶׁיִּהְיֶה מַחֲלֹקֶת עָלָיו", און זוּכְט און זֶעט עֶס זָאל זַיין מַחֲלֹקֶת אוֹיף דִי נְשָׁמָה, ווייל נָאר אַזוֹי אִיז עֶס מִיט אַן אֱמֶת, וַוייל אַזוֹי וִוי וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען און דִי גוֹיִם וֶועלְן קוּמֶען און זָאגְן מִיר ווילְן זִיךְ מְגַיֵּיר זַיין, אִיז דִי הֲלָכָה אַז דֶעמָאלְט נֶעמְט מֶען מֶער נִישְׁט קַיין גֵּרִים, נָאר דֶער וָואס אִיז גֶעקוּמֶען וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען שְׁוֶוער, אִין גָלוּת, און עֶר הָאט זִיךְ מְגַיֵּיר גֶעוֶוען - נָאר דֶער וֶועט קֶענֶען זַיין בַּיי דִי סְעוּדָה מִיט מָשִׁיחַ, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער צַדִּיק וָואס הָאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אִידְן צוּ אֵייבֶּערְשְׁטְן - מוּז זַיין אוֹיף אִים מַחֲלֹקֶת.

וִויפִיל דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיט אַזֶעלְכֶע הִתְנַגְּדוּת הָאבְּן מִיר דִי זְכִיָּה אַז מִיר זֶענֶען יָא אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, און מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין מִתְנַגְּדִים.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, דִי בָּחוּרִים וַוארְטְן אוֹיף אַבִּיסְל חִיזוּק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶנְדִיגְן אַ מִקְוֶה טָהֳרָה, אַ סְגוּלָה פַּאר קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְסְט אוּן וָואס דוּ טוּסְט פַאר דִי שְׁטֶעטְל, מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס.

אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין גֶעבֶּעטְן זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן מִיטְן עֶנְדִיגְן דִי מִקְוֶה בַּיים בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אֲשֶׁר בְּנַחַל, דָאס מַאכְן כָּשֵׁר פַאר אַ מִקְוֶה טָהֳרָה. הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט דוּ וֶועסְט מִיר לָאזְן וִויסְן וִויפִיל גֶעלְט מֶען דַארְף; אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק דָאס עֶנְדִיגְן. אִיךְ קֶען שַׁאפְן דִי גֶעלְט, עֶס אִיז דָא אִינְגֶעלַייט וָואס וַוארְטְן אוֹיף קִינְדֶער אוּן וִוילְן כַאפְּן דִי זְכוּת פוּן בּוֹיעֶן אַ מִקְוֶה טָהֳרָה, מֶענְטְשְׁן לָאזְן זִיךְ צָאלְן הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער צוּ בּוֹיעֶן אַ מִקְוֶה טָהֳרָה, עֶס זָאל זַיין אַ זְכוּת פַאר זֵיי פַאר קִינְדֶער, אוּן דָא קֶען מֶען עֶס הָאבְּן פַאר אַפָּאר טוֹיזְנְט דָאלֶער.

אִיךְ וַוארְט זָאלְסְט מִיר זָאגְן אוֹיבּ דוּ בִּיסְט גְרֵייט דָאס צוּ עֶנְדִיגְן, אוּן אִיךְ וֶועל דִיר שִׁיקְן דִי גֶעלְט, אָדֶער אוֹיבּ דוּ בִּיסְט פַארְנוּמֶען, וֶועל אִיךְ בֶּעטְן אַ צְוֵוייטְן.

אַ שָׁאד צוּ וַוארְטְן, וַוייל יֶעצְט קֶען מֶען נָאךְ אַרַיינְכַאפְּן אַ גוּטֶע רֶעגְן זָאל אָנְפִילְן דִי בּוֹרוֹת, בַּאלְד וֶוערְט אַייז קַאלְט וֶועט נִישְׁט רֶעגֶענֶען, וֶועט מֶען דַארְפְן וַוארְטְן בִּיז נָאךְ וִוינְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פִיר זִיךְ עֶרְלִיךְ אוּן שֵׁיין, וֶועט דַיין וַוייבּ וֶוערְן מְקוּרָב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ פְרֶעגְסְט ווִי אַזוֹי דוּ וֶועסְט קֶענֶען מְקַרֵב זַיין דַיין וַוייבּ צוּ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וֶוען זִי אִיז אַ שְׁטַארְקֶע חַסִידִי'סְטֶע פוּן ...

דִי בֶּעסְטֶע וֶועג מְקַרֵב צוּ זַיין דִי וַוייבּ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - אִיז דוּרְךְ זִיךְ אוֹיפְפִירְן ווִי אַזוֹי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט; אַז דֶער מַאן פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן גוּטֶע מִידוֹת - דָאס וֶועט אִיר מְקַרֵב זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת, אָנְהוֹיבְּן אַ נֵייעֶ לֶעבְּן, פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַ חָתָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקפו), דָאס אִיז דִי סוֹד וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת יז.): "כֵּיצַד מְרַקְדִין לִפְנֵי הַכַּלָּה", ווִי אַזוֹי טַאנְצְט מֶען אַרִיבֶּער אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען לִפְנֵי הַכַּלָּה, פַאר דִי חֲתוּנָה; מֶען הוֹיבְּט אָן פוּנְדָאסְנֵיי, נָאךְ דִי חֲתוּנָה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ רֵיינֶע מוֹחִין, צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט שְׁטוֹיסְן אוּן שְׁלָאגְן, וַוייל דָאס הֶעלְפְט נִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט בַּיים לֶערְנֶען מִשְׁלֵי (מִשְׁלֵי הָאט אֵיין אוּן דְרַייסִיג קַאפִּיטְלֶעךְ, אַ קַאפִּיטְל יֶעדְן טָאג אִינֶעם חוֹדֶשׁ), אִיז מִיר שְׁוֶוער גֶעוָוארְן, וָואס ווִיל אוּנְז שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְן (מִשְׁלֵי כז, כב): "אִם תִּכְתּוֹשׁ אֶת הָאֱוִיל בַּמַּכְתֵּשׁ", אוֹיבּ דוּ וֶועסְט שְׁטוֹיסְן דֶעם נַאר אִין אַ שְׁטֵייסְל, "בְּתוֹךְ הָרִיפוֹת בַּעֱלִי", צְווִישְׁן דִי וֵוייץ קֶערְלִיךְ, וָואס מֶען צֶעמָאלְט זֵיי, "לֹא תָסוּר מֵעָלָיו אִוַּלְתּוֹ", וֶועט דֶער נַאר בְּלַייבְּן מִיט זַיינֶע נַארִישְׁקַייטְן.

לִכְאוֹרָה, וָואס ווִיל אוּנְז דֶער פָּסוּק דָא זָאגְן? נָאר מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט נִישְׁט צוּ שְׁלָאגְן קִינְדֶער אוּן נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז מִיט גוּטְנְ'ס קֶען מֶען בֶּעסֶער פוֹעֵל'ן ווִי מִיט שְׁלֶעכְטְס,

קֶען זַיין פְּשַׁט, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט אוּנְז, הָאסְט אַ קִינְד וָואס פִירְט זִיךְ נַארִישׁ אוּן מַאכְט נֶערְוֶועז? זָאלְסְטוּ אִים נִישְׁט שְׁטוֹיסְן אוּן שְׁלָאגְן, וַוייל דָאס הֶעלְפְט נִישְׁט, עֶר וֶועט בְּלַייבְּן מִיט זַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן; רֶעד צוּ אִים, לֶערְן אִים, מוּסָר אִים - וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, בִּיז דִי נַארִישְׁקֵייטְן וֶועט אַוֶועק גֵיין, שְׁלָאגְן שְׁטוֹיסְן צִיפְּן - הֶעלְפְט אוֹיפְן מִינוּט אַיינְצוּשְׁלֶעפְן דֶעם קִינְד, אָבֶער עֶס נֶעמְט נִישְׁט אַוֶועק דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס אִיז אוּנְז מְחַיֶ' וּמְחַזֵּק וּמְנַחֵם וּמְשַׂמֵּחַ, מִיר זָאלְן נָאכְאַמָאל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן נָאכְאַמָאל צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין גוּט.

...

### וֶוער עֶס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, בַּאקוּמְט שׁוֹין אוֹיךְ אַ גוּט לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעדֶענְק, אֲפִילוּ מֶען אִיז בִּבְחִינַת הַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו, מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, מֶען הָאט מְקַלְקֵל גֶעוֶוען רַחֲמָנָא לִצְלָן - דַארְף מֶען נִיצְן דֶעם קוֹל, עֶס זָאלְן וֶוערְן קוֹל יַעֲקֹב, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען אַלֶע בְּרָכוֹת. מֶען דַארְף שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ וִויל לֶעבְּן מִיט דִיר, אִיךְ וִויל נִישְׁט מַיין לֶעבְּן זָאל מִיר אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט אַזֶעלְכֶע נַארִישְׁקֵייטְן".

זוּנְטָאג אוּן אוֹיךְ מָאנְטָאג וֶועט זַיין חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה, מֶען זֶעט דִי כֹּחַ הַצַּדִּיק, דִי כֹּחַ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט אוּן גֶעשְׁרִיבְּן פוּן דִי זַאךְ, אוּן יֶעצְט וֶוערְט דָאס אוֹיסְגֶעפִירְט דוּרְךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; מֶען מַאכְט פָּשׁוּט'עֶ שִׂמְחוֹת, מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיס גֶעלְט פַאר דִי פָאר שָׁעָה פוּן דִי חֲתוּנָה, מֶען לֶעבְּט מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן, מֶען לֶעבְּט מִיט שֵׂכֶל, דֶער צַדִּיק גֶעבְּט שֵׂכֶל; עֶס אִיז כְּדַאי זָאלְסְט קוּמֶען זֶען מִיט דִי אוֹיגְן דִי שִׂמְחוֹת, וִוי פְרֵיילִיךְ דִי מְחוּתָּנִים זֶענֶען, וִוי פְרֵיילִיךְ חָתָן כַּלָּה זֶענֶען, דִי

חֲתוּנָה הָאט אַ אִידִישֶׁע טַעַם, מֶען שְׁפִּירְט אַ טַעַם, מֶען שְׁפִּירְט אַן עֶכְטֶע שִׂמְחָה, נִישְׁט קַיין גֶעמַאכְטֶע, נִישְׁט קַיין גֶעבָּארְגְטֶע, נִישְׁט קַיין פַאלְשֶׁע. מִיר הָאבְּן פַאלְשֶׁע בְּלוּמֶען מִיט עֶכְטֶע שִׂמְחָה, נִישְׁט עֶכְטֶע בְּלוּמֶען וָואס מֶען צָאלְט אַזוֹיפִיל גֶעלְט און בִּיז אַפָּאר שָׁעָה וַוארְפְט מֶען דָאס אַוֶועק אִין דִי מִיסְט, בְּשְׁעַת מֶען הָאט נָארְוָואס גֶעבָּארְגְט גֶעלְט און מֶען הָאט נִישְׁט פוּן וואוּ צוּ בַּאצָאלְן, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דָאס אִיז פוּן דִי קְלֵיינֶע זַאכְן וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז; דָאס אִיז אוֹיסֶער דִי שֵׂכֶל, חִיזוּק און עֵצוֹת פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז, דִי קְלָארֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה, דִי דְבֵיקוּת בַּשֵּׁם, דִי שִׂמְחָה פוּן טוּן מִצְוֹת און דִי תִּיקוּנִים וָואס דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז מְתַקֵּן לְנֵצַח נְצָחִים - אוֹיסֶער דֶעם גֶעבְּט אוּנְז דֶער רֶבִּי אוֹיל צוּ שְׁמִירְן דִי רֶעדֶער, שֵׂכֶל צוּ מַאכְן פָּשׁוּטְ'עֶ שִׂמְחוֹת, שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְן, נִישְׁט לֶעבְן פַאר אַנְדֶערֶע, נִישְׁט נָאכְמַאכְן אַנְדֶערֶע.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ סוֹחֵר וָואס הָאט פַארְקוֹיפְט דִיאַמַאנְטְן און טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער, אַמָאל קוּמְט אֵיינֶער צוּ אִים און בֶּעט צוּ קוֹיפְן נֵייעֶ רֶעדֶער פַאר זַיין וָואגְן, זָאגְט אִים דֶער סוֹחֵר: "אִיךְ פַארְקוֹיף דִיאַמַאנְטְן נִישְׁט קַיין רֶעדֶער", זָאגְט אִים דֶער אִיד: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מַיין חָבֵר עֶר הָאט בַּאקוּמֶען דָא נֵייעֶ גוּטֶע שְׁטַארְקֶע רֶעדֶער", זָאגְט דֶער סוֹחֵר: "יֶענֶער הָאט אַיינְגֶעקוֹיפְט בַּיי מִיר טֵייעֶרֶע צִירוּנְג, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעגֶעבְּן אוֹיךְ גוּטֶע רֶעדֶער אוֹיף אַהֵיים צוּ פָארְן, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין סוֹחֵר פַאר רֶעדֶער, אִיךְ פַארְקוֹיף דִיאַמַאנְטְן", און דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אִיךְ פַארְקוֹיף תּוֹרָה, תְּפִלָּה און תַּכְלִית, אוֹיבּ אֵיינֶער קוּמְט צוּ מִיר און פָּאלְגְט מִיר, גֶעבּ אִיךְ אִים שׁוֹין אוֹיךְ גוּטֶע רֶעדֶער - בָּנֵי חַיֵּי וּמְזוֹנֵי, עֶר זָאל קֶענֶען לֶעבְן אַ שֵׁיין לֶעבְן".

הַיינְט זָאגְט מֶען יוֹם כִּיפּוּר קָטָן.

דִי וָואךְ שַׁבָּת וֶועל אִיךְ נִישְׁט זַיין אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## האָב נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם מוֹרָא, גֵיי הֲפָצָה אִין יְשִׁיבוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין זַאךְ אִיז הֲפָצָה פַאר בָּחוּרִים אוּן אַבְרֵכִים.

גֵיי הֲפָצָה אִין יְשִׁיבוֹת; וָואלְסְטוּ גֶעוואוּסְט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבוֹת - וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דִי אֵיינְצֶעלְנֶע בָּחוּרִים וָואס מַאכְן חוֹזֶק אוּן שְׁרֵייעֶן וְכוּ׳, בָּחוּרִים הָאבְּן בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, בִּפְרַט דִי יְשִׁיבוֹת וָואס הָאבְּן קְוַואַרְטִיר (דָארְמִיטָארִי), הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

נֶעכְטְן דֶערְצֵיילְט מִיר אַ אִינְגֶערְמַאן, עֶר קוּמְט פוּן אַ גָאר גוּטֶע יְשִׁיבָה, עֶר זָאגְט מִיר דִי גִלְיוֹנוֹת אוּן קוּנְטְרֵסִים הָאט אִים פָּשׁוּט גֶערַאטֶעוֶועט אִין יְשִׁיבָה, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט צוּ זָאגְן 'נֵיין' וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעמוּטְשֶׁעט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, וּבִזְכוּת דִי גִלְיוֹנוֹת הָאט עֶר גֶעוואוּסְט אַז דָאס טָאר מֶען נִישְׁט טוּן וְכוּ׳, אַזוֹי אִיז עֶר נִיצוֹל גֶעוָוארְן.

הָאבּ נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם מוֹרָא, אַז אַ בָּחוּר וֶועט שְׁרֵייעֶן אוּן צֶערַייסְן דִי גִלְיוֹנוֹת אוּן קוּנְטְרֵסִים - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג מַאכְן, נָאר גֵיי צוּ אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין אִין כּוֹלְלִים צוּ דִי טֵייעֶרֶע אַבְרֵכִים וָואס לֶערְנֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין וֶועג וְכוּ׳ וְכוּ׳, זֵיי ווִילְן זַיין גוּט אוּן זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן. מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי עֲבוֹדוֹת פוּן צַדִיקִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען בִּבְחִינַת מַלְאָכִים, אוּן דִי טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט פְּרוּבִּירְן נָאכְצוּמַאכְן דִי מַלְאָכִים, אָבֶּער הֱיוֹת מִיר זֶענֶען מֶענְטְשְׁן - אַרְבֶּעט עֶס נִישְׁט, מֶען פַאלְט אַרָאפּ וְכוּ׳, אוּן מֶען וֶוערְט זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן; דִי דַארְפְן דִי מֶערְסְטֶע חִיזוּק.

הָאבּ נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם מוֹרָא, הָאסְט שׁוֹין גֶעכַאפְּט פֶּעטְשׁ פַארְן זַיין אַ מֵפִיץ וְכוּ׳, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אוֹיךְ גֶעכַאפְּט פֶּעטְשׁ; מִיר הָאט אֵיינֶער כִּמְעַט דֶערְוָוארְגְן פַארְן מְחַזֵק זַיין בָּחוּרִים. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ נֵס, אַ שָׁכֵן אִיז אַרִיבֶּער אוּן מִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט; דָאס הָאט מִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט פוּן וַוייטֶער מְחַזֵק זַיין בָּחוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לֶערְן אוּן חַזֶר הִלְכוֹת טָהֳרָה אָן אַ שִׁיעוּר מָאל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ז מַר-חֶשְׁוָן, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מֻקְדָּם, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער טַייעֶרֶער הַארְצִיגֶער, הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

לֶערְן אוּן חַזֶר דִי הִלְכוֹת טָהֳרָה אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט אוּנְז אַז דֶער שָׂרָף פוּן סְטְרֶעלִיסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶע׳חַזֶר׳ט אִיבֶּער טוֹיזְנְט מָאל הִלְכוֹת טָהֳרָה, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מִיר דַארְפְן חַזֶר׳ן דִי הֲלָכוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב מִיט דוֹרוֹת יְשָׁרִים וּמְבֹרָכִים, אָמֵן.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## דֶער מַאן זָאל אָנְגְרֵייטְן דִי שַׁבָּת לֶעכְט אוּן דָאס אָפְּבְּרֶענֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, מְבָרְכִין הַחוֹדֶשׁ, כ״ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער עִנְיָן אַז דֶער מַאן זָאל אָנְגְרֵייטְן דִי שַׁבָּת לֶעכְט אוּן דָאס אָפְּבְּרֶענֶען וְכוּ׳, אוּן בַּיים אָנְגְרֵייטְן דִי לֶעכְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער; אַזוֹי וִוי בַּיים צִינְדְן דִי לֶעכְט אִיז אַן עֵת רָצוֹן צוּ בֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיים אָנְגְרֵייטְן דִי לֶעכְט.

גֵיי אִין מִקְוֶה מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, עֶס אִיז וִויכְטִיג צוּ נֶעמֶען דִי קִינְדֶער מִיט זִיךְ אִין מִקְוֶה, זַיי מְחַנֵךְ זַיין וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין מִקְוֶה; לֶערְן זֵיי אוֹיס נִישְׁט צוּ רֶעדְן אִין מִקְוֶה, אוּן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ אוֹיסְטוּן אוּן אָנְטוּן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

זַיי פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ שַׁבָּת, זִינְג אוּן טַאנְץ, פַּאטְשׁ אוּן קְלַאטְשׁ. שַׁבָּת אִיז דֶער מְקוֹר הַבְּרָכוֹת, אַז מֶען פְרֵייט זִיךְ שַׁבָּת - עֶפְנְט עֶס אוֹיף דִי הִימְל פַאר יְשׁוּעוֹת.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת, וֶועט דִיךְ מַאכְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, מְבָרְכִין הַחוֹדֶשׁ, כ״ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הַבָּחוּר הַבַּר מִצְוָה ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָל טוֹב פַאר דַיין בַּר מִצְוָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיפְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד.

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת, דָאס וֶועט דִיךְ מַאכְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## מַאךְ דִי עֶכְטֶע לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַאךְ שׁוֹין לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס, נִישְׁט דִי לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס מִיט גֶעלְט וְכוּ׳, נָאר דִי עֶכְטֶע לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): ״לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו״, וֶוער עֶס לֶערְנְט דִי פַּרְשָׁה יֶעדֶע וָואךְ, צְוֵוייא מָאל דִי חוּמָשׁ אוּן אֵיין מָאל תַּרְגוּם - וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים.

אוֹיךְ אִיז דָא אַ גוּטֶע לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס צוּ גֵיין אִין שׁוּל אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְנָחוֹת מד:): "כָּל הַמֵּנִיחַ תְּפִילִין", וֶוער עֶס טוּט אָן תְּפִילִין - "מַאֲרִיךְ יָמִים" אִיז זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן אַ לַאנְגֶע לֶעבְּן; דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִינְדֶערְפְרִי גֵיי אִין שׁוּל אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין.

לֶערְן יֶעדְן טָאג סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, וָואס אִיז אַ תַּמְצִית פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה. דִי בְּרִיוּו וֶועלְן דִיךְ שְׁלֶעפְּן צוּ טוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, עֶס וֶועט דִיךְ שְׁלֶעפְּן צוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת אוּן צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶס וֶועט דִיךְ שְׁלֶעפְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער טֶעג אוּן יָארְן, אוּן וֶוער עֶס פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "אוֹיף צְוֵויי כִּיתּוֹת מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ מִיר, אוּן אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן יָא גֶעווּאוּסְט פוּן מִיר אָבֶּער הָאבְּן מִיךְ נִישְׁט גֶעפָּאלְגְט, וַוייל אִיךְ וֵוייס אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען מֶען וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ גְרוֹיס חֲרָטָה הָאבְּן פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ מִיר אוּן פַארְוָואס עֶר הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶעפָּאלְגְט, וַוייל אוֹיבּ וָואלְט עֶר גֶעוֶועןְ מְקוֹרָב צוּ מִיר אוּן מִיךְ גֶעפָּאלְגְט, וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין דַּרְגָּא אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס עֶר וָואלְט נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען דֶערְצוּ, אָבֶּער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט נוּצְן, עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט".

הַיינְט אִיז דָא נָאךְ אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה, אוֹיךְ מָארְגְן. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גְלִיקְלִיךְ אַז מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי פִּיס, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעקְלָארְט דִי קָאפּ נִישְׁט זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן, פַאר אַפָּאר שָׁעָה וֶוערְן אַ בַּעַל חוֹב אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## וֶוען דוּ הֶערְסְט מַחֲלֹקֶת, גֵיי אַוֶועק אָדֶער פַאךְדְרֵייט דִי שְׁמוּעֶס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאבּ נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט מַחֲלֹקֶת, שְׁטֵיי וַוייט פוּן מַחֲלֹקֶת, אוּן אַז דוּ הֶערְסְט רֶעדְן פוּן מַחֲלֹקֶת - אָדֶער גֵיי אַוֶועק אָדֶער פַארְדְרֵיי דִי שְׁמוּעֶס. אִיךְ וֵוייס פוּן חֲבֵרִים בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ חֲסִידִים אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וֶוען זֵיי הֶערְן רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן - פַארְדְרֵייעֶן זֵיי דִי שְׁמוּעֶס מִיט אַ חָכְמָה; אַז דִי רֶעדֶערְס, דִי מְדַבְּרִים, כַאפְּן נִישְׁט אַז מֶען פַארְדְרֵייט זֵייעֶר שְׁמוּעֶס, אוּן אַזוֹי וֶוערְן זֵיי אָפְּגֶעהִיטְן פוּן לָשׁוֹן הָרָע.

בְּרוּדֶער אַנְטְלוֹיף פוּן מַחֲלֹקֶת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה, סִימָן סו): "בִּמְקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן", דֶער שָׂטָן גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ; זַיי קְלוּג, אַנְטְלוֹיף פוּן מַחֲלֹקֶת, נֶעם נִישְׁט קַיין טֵייל, אֲפִילוּ מֶען וֶועט דִיר אַיינְרֶעדְן אַז דָאס אִיז לְשֵׁם שָׁמַיִם, אָדֶער גָאר אַ מִצְוָה; אַנְטְלוֹיף פוּן דִי מִצְוֹת, לָאז דִי מִצְוֹת פַאר דִי אֵיינִיקְלֶעךְ פוּן דָתָן אוּן אֲבִירָם, ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן פד): "בְּכָל בַּעֲלֵי מַחֲלֹקֶת", בַּיי אַלֶע בַּעֲלֵי מַחֲלֹקֶת, "נִתְגַּלְגְּלִים שָׁם נִיצוֹצִין מִנִּשְׁמַת דָתָן וַאֲבִירָם", אִיז דָא עֶפֶּעס פוּן דָתָן וַאֲבִירָם.

אִיךְ ווִיל דִיר פְרֶעגְן, וָואס הָאסְטוּ צוּ רֶעדְן פוּן יֶענֶעמְ׳ס פַּרְשָׁה? וָואס הָאסְטוּ מִיט דֶער וָואס הָאט זִיךְ גֶע׳גֶט אָדֶער נִישְׁט גֶע׳גֶט, ווִיל יָא גֶעבְּן אַ גֶט, ווִיל נִישְׁט גֶעבְּן אַ גֶט, וָואס הָאט דָאס מִיט דִיר? בִּיסְט שׁוֹין פֶערְטִיג מִיט דִיר, דַיין שְׂכַר לִימוּד אִיז שׁוֹין בַּאצָאלְט? דַיין גְרָאסֶערִי אִיז שׁוֹין גֶעדֶעקְט? בִּיסְט דָאךְ אַ בַּר דַעַת, וָואס אִיז מִיט דִיר? וָואס רֶעדְסְטוּ פוּן אַנְדֶערֶע? הָאסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן?! הָאסְט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דִי פַּרְשָׁה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם? הָאסְט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת? בַּבְלִי? יְרוּשַׁלְמִי? דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן עו): "לִמְרִיבָה, הַשְׁכֵּם וְהַעֲרֵב לְבֵית הַמִּדְרָשׁ וּלְמַד תּוֹרָה", קֶען זַיין פְּשַׁט, וֶוען מֶען קְרִיגְט זִיךְ, עֶס קָאכְט זִיךְ לָשׁוֹן הָרָע - אִיז דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה צוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְרִי אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין פְרִי, גֵיין אִין שׁוּל לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

גֵיי אַהֵיים הֶעלְף דַיין וַוייבּ לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער, וִוי אֵיידֶער צוּ זִיצְן און פְּלוֹישְׁן פון דִי חֲסִידוּת און פון יֶענֶע חֲסִידוּת, און אַז דוּ הָאסְט אִיבְּרִיגֶע צַייט - גֵיי הֲפָצָה, גֵיי פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים. עֶס בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן פַאלְן אַוֶועק, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן לַיידְן, און מֶען קֶען זֵיי הֶעלְפְן מִיט דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, מִיטְן רֶבִּינְ׳ס חִיזוּק, אַ שָׁאד יֶעדֶע וָוארְט פוּן דִי שְׁטוּתִים וָואס מֶען פְּלוֹישְׁט מִיט חֲבֵרִים, מֶען קֶען אִין דִי צַייט אַזוֹיפִיל טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## קֵיי נִישְׁט אִיבֶּער אַלְטֶע צָרוֹת און אַלְטֶע וֵוייטָאג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ב׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען, בְּרֶענְג נִישְׁט אַרוֹיף אַלְטֶע קָאשְׁמַארְן, לָאז אָפּ אַלְטֶע וואוּנְדְן. אִיךְ וֵוייס אַז דִי מְטַפְּלִים הָאבְּן אַ שִׁיטָה אַז מֶען זָאל קֵייעֶן און אִיבֶּערְקֵייעֶן דִי אַלְטֶע צָרוֹת (אַזוֹי וֶועלְן זֵיי הָאבְּן פַּרְנָסָה, אַזוֹי וֶוערְט מֶען נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֵיילְט), לְהַבְדִיל דֶער רֶבִּי אִיז גְרֶעסֶער פוּן דִי פַּארְפִירֶער, דֶער רֶבִּי זָאגְט בְּפֵירוּשׁ קֵיי נִישְׁט אִיבֶּער אַלְטֶע צָרוֹת, קֵיי נִישְׁט אִיבֶּער אַלְטֶע וֵוייטָאג. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָרוֹן, בַּיי מִיר אִיז שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה, וַוייל וֶוען עֶס וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעוֶוען שִׁכְחָה וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל מֶען וָואלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, פוּן אַלֶע דוּרְכְפֶּעלֶער און אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען אִיז דוּרְךְ, און דָאס וָואלְט גֶעמַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט וֶועלְן נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער יֶעצְט אַז עֶס אִיז דָא שִׁכְחָה, קֶען מֶען זִיךְ בַּאנֵייעֶן און אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי".

דִי תּוֹרָה (פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ) ווייזְט אוּנְז אַ וֶועג אַז אֲפִילוּ מֶען לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד, מֶען אִיז אַ דוּרְכְפַאל, דִי גְרֶעסְטֶע דוּרְכְפַאל, לִיגְט אָבֶּער נֶעבְּן דִיר אַ לֵייטֶער בִּיזְן הִימְל, בִּיזְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (הַשְּׁמָטוֹת, רסו ע"ב; עַיֵּין בַּעַל הַטּוּרִים): "'סֻלָּם' בַּאטְרֶעפְט 'קוֹל'", דוּ הָאסְט אַ מוֹיל, אַ לֵייטֶער בִּיזְן הִימְל, זָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין גוּט, גְלֵייבּ מִיר, קוּק אַרַיין אִין מַיין הַארְץ, קוּק אַרַיין אִין מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין גוּט, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק אַרוֹיסְגֵיין פוּן מַיינֶע תַּאֲווֹת, פוּן מַיינֶע מִידוֹת רָעוֹת, הֶעלְף מִיר".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קוֹיף דַיין וַוייבּ אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה, מִיט שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער פוּן הַארְצְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי מְכַבֵּד דַיין וַוייבּ, מֶעגְסְט אִיר קוֹיפְן אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה אוּן אִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער, הַארְצִיגֶע וֶוערְטֶער. אֲפִילוּ דוּ הָאסְט נִישְׁט צוּ קוֹיפְן גָאר טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת - זָאלְסְטוּ אִיר קוֹיפְן אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה וָואס אִיז בִּילִיג, אוּן דֶער עִיקָר דִי שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער פוּן הַארְצְן.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, וִויפִיל דְרָשׁוֹת אוּן בְּרִיוו הָאט אוּנְז מוֹהֲרָא"שׁ גֶעגֶעבְּן אוֹיף שְׁלוֹם בַּיִת? וִויפִיל מָאל הָאט אוּנְז מוֹהֲרָא"שׁ גֶע'מוּסָר'ט אוּן אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד), אַז דִי פְרוֹיעֶן לַיידְן אַזוֹיפִיל צַעַר אוּן יְסוּרִים פוּן בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער, דָאס וַוארְטְן, גֶעבּוֹירְן אוּן דָאס אוֹיפְצִיעֶן קִינְדֶער, "כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם", וִוי אַלֶע וֵוייסְן זֵייעֶר וֵוייטָאג אוּן זֵייעֶר צַעַר וָואס זֵיי לַיידְן, אוּן וִוי רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (שָׁם, סִימָן רסג): "סִפֵּר לִי אֶחָד", אֵיינֶער הָאט אִים דֶערְצֵיילְט, "שֶׁהָיָה מֵשִׂיחַ עִמּוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה", אַז עֶר הָאט

גֶעהַאט אַ שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, "מֵעִנְיַן בְּנֵי הַנְּעוּרִים, שֶׁשָּׁכִיחַ מְאֹד שֶׁנַּעֲשֶׂה קִלְקוּל בֵּינֵיהֶם וּבֵין נְשׁוֹתֵיהֶם, וְנִפְרָדִים זֶה מִזֶּה אֵיזֶה זְמַן, וְלִפְעָמִים נַעֲשֶׂה מִזֶּה פֵּרוּד לְגַמְרֵי חַס וְשָׁלוֹם", אִיבֶּער דֶעם וָואס מֶען זֶעט אִינְגֶעלַייט צֶעטֵיילְן זִיךְ פַּאר אַ שְׁטִיק צַייט אוּן אַסַאךְ מָאל וֶוערְט נָאכְדֶעם אַ גֶט חַס וְשָׁלוֹם, "אָמַר, שֶׁזֶּה מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר, שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר. דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, וַוייל אַז מֶען אִיז אָן אַ וַוייבּ כַאפְּט עֶר אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ בַּיי אִים אִין זַאק אַרַיין, "כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד, לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשְּׁלוֹם בַּיִת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם", וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר זֵיי אַרַיין אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

זַיי מְכַבֵּד דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער, רֶעד שֵׁיין צוּ זֵיי אוּן רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ פוּן זֵיי, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט זֵיי טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען - זָאלְסְטוּ דָאס טוּן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, אִיךְ דַארְף נִישְׁט בַּיי מִיר אִין דִי קְהִילָּה עַזּוּת פָּּנִימ'עֶר וָואס חוּצְפָּה'נֶען זִיךְ צוּ עֶלְטֶערְן אוּן צוּ דִי וַוייבְּ'ס עֶלְטֶערְן, הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִיז אַ פְּלַאץ פוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ, פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, פוּן זִיךְ פִירְן צוּ דִי עֶלְטֶערְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַז מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי עֶלְטֶערְן אוּן דִי וַוייבְּ'ס עֶלְטֶערְן - אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע כָּבוֹד וָואס מֶען קֶען גֶעבְּן פַארְן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ דֶעם צַדִּיק, "צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק, שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע", דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין קַיין שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְן צַדִּיק.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אִיךְ דַארְף לוֹיפְן צוּ דִי בָּחוּרִים, זֵיי זֶענֶען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, זֵיי דַארְפְן שִׁידוּכִים, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף חִיזּוּק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א זי"ע, אַ סְגוּלָה פַאר רְפוּאָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ד' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט נאַכְט לֵיל שִׁשִּׁי אִיז דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיז כְּדַאי צוּ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה וָואס אִיז מְסוּגָל פַאר יְשׁוּעוֹת.

אַמָאל אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער - דִי צַדֶיקֶת שָׂרָה - זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן לֹא עָלֵינוּ, און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אִיר גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר זֶעעֶנְדִיג ווִי שָׂרָה אִיז אַזוֹי קְרַאנְק, דֶער רֶבִּי הָאט אַיינְגֶעדְרִימְלְט, און דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - דֶער זֵיידֶע פוּן רֶבִּי'ן - אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אִין חָלוֹם און גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי בְּצַעַר?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב: "אִיךְ בִּין בְּצַעַר וֶועגְן מַיין טָאכְטֶער, וָואס זִי אִיז אַזוֹי קְרַאנְק".

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט אִין חָלוֹם פַארְן רֶבִּי'ן, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים מג, נא): "מַגְדִּיל יְשׁוּעוֹת מַלְכּוֹ וְעֹשֶׂה חֶסֶד לִמְשִׁיחוֹ", דִי כַּוָונָה אִיז, 'מַגְדִּיל יְשׁוּעוֹת' דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער מַאכְט גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, 'מַלְכּוֹ' פַאר דִי צַדִיקִים וָואס זֵיי זֶענֶען מְלָכִים (מַאן מַלְכֵי רַבָּנָן [גִּיטִּין סב.]) 'וְעֹשֶׂה חֶסֶד' און עֶר טוּט חֶסֶד, 'לִמְשִׁיחוֹ' פַאר דִי וָואס דֶערְצֵיילְן, 'מָשִׂיחַ' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן שְׁמוּעֶסְן, מֵסִיחַ; דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער מַאכְט ווּאוּנְדֶער פַאר דִי וָואס דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט פַארְן רֶבִּי'ן: "דוּרְךְ סִיפּוּרֵי צַדִיקִים וֶועסְטוּ זֶען אַ יְשׁוּעָה".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֶועקְט זִיךְ אוֹיף און הוֹיבְּט אָן דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער מַהַרְשָׁ"א (מ'וֹרֵנוּ הָ'רַב רֶ'בִּי שְׁ'מוּאֵל אֱ'לִיעֶזֶר אֵ'יידְלִיס) זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. אִין דִי צַייטְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער מַהַרְשָׁ"א אִיז גֶעוֶוען אִין דִי שְׁטָאט אוֹסְטְרָהָא - דִי שְׁטָאט ווּאוּ דֶער מַהַרְשָׁ"א אִיז גֶעוֶוען דֶער רָב - אַ גְרוֹיסֶער קְלוֹיסְטֶער, דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע טוּמְאָה, און נִישְׁט וַוייט פוּן דִי קְלוֹיסְטֶער הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען דֶער אִידִישֶׁער בֵּית הַחַיִּים פוּן דִי שְׁטָאט אוֹסְטְרָהָא, און יֶעדֶע מָאל עֶס פְלֶעגְט זַיין אַ לְוָיָ' פְלֶעגְט מֶען דַארְפְן אַרִיבֶּערְגֵיין דִי קְלוֹיסְטֶער, און דִי

גְלֶעקְלֶעךְ פוּן דִי קְלוֹיסְטֶער פְלֶעגְן זִיךְ צוּקְלִינְגֶען אוּן פַארְכַאפְּן דִי מֶענְטְשְׁן אִין דִי טוּמְאָה.

דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א הָאט גֶעוואוּסְט פוּן דִי טוּמְאָה, הָאט עֶר בַּאפוֹילְן, אַז וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וָואס עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט אוּן מֶען וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט זַיין מִטָּה דֶעם קְלוֹיסְטֶער - זָאל מֶען לֵייגְן אוֹיפְן בֶּעט זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר חִידוּשֵׁי מַהַרְשָׁ"א. אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אוּן מֶען הָאט דוּרְכְגֶעפִירְט זַיין מִטָּה דוּרְךְ דֶעם שְׁרֶעקְלִיכְן טוּמְאָה, אוּן אִין דִי מִינוּט וָואס דִי מִטָּה אִיז אַרִיבֶּער דִי טוּמְאָה אוּן דִי גְלֶעקְלֶעךְ הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְגֶען - הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זִיךְ אוֹיפְגֶעזֶעצְט אוֹיף זַיין בֶּעט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִישְׁן דִי בְּלֶעטֶער פוּן זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר. דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם קוּקְט זִיךְ צוּ, עֶס אִיז אַ פַּחַד אַ שְׁרֶעק צוּ זֶען דֶעם הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א נָאכְן פְּטִירָה זִיצְן אוּן מִישְׁן דִי בְּלֶעטֶער, אוּן אַזוֹי מִישְׁנְדִיג זֶעט מֶען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ, דִי קְלוֹיסְטֶער הוֹיבְּט אָן אַיינְזִינְקֶען אִין דֶער עֶרְד, יֶעדֶע בְּלַאט וָואס דֶער מַהַרְשָׁ"א מִישְׁט - גֵייט אַרָאפּ דִי גַאנְצֶע טוּמְאָה מֶער אוּן מֶער מִיט אַלֶע מֶענְטְשְׁן, מִיט אַלֶע חֲפֵצִים; בִּיז מֶען הָאט עֶס שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֶעזֶען אוּן עֶס אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַ זֵכֶר, אַ סִימָן - דָארְט אַרוּם דִי פְּלַאץ עַד הַיּוֹם הַזֶּה.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה הָאט שָׂרָה'קֶע זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן גוּט צוּ שְׁפִּירְן, אוּן זִי פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פַאר אַנְדֶערֶע קְרַאנְקֶע וָואס הָאבְּן גֶעדַארְפְט אַ רְפוּאָה, אוֹיךְ רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פַאר חוֹלִים, אוּן הַיינְט אִין דֶער יָארְצַייט אִיז אַ גְרוֹיסֶע סְגוּלָה צוּ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה, עֶס בְּרֶענְגְט יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִינְוֶועסְטִיר בַּיי דַיינֶע שַׁבָּת סְעוּדוֹת, גֵיי נִישְׁט אַרוֹיס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בַּיי דִי שַׁבָּת סְעוּדָה זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ דַיינֶע קִינְדֶער וִוי גְלִיקְלִיךְ מִיר זֶענֶען אַז מִיר זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וִוי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר הִיטְן שַׁבָּת, אַז מִיר עֶסְן כָּשֶׁר׳ס, אַז מִיר הָאבְּן דִי תּוֹרָה. רֶעד נִישְׁט בַּיים שַׁבָּת טִישׁ פוּן זַאכְן וָואס הָאט נִישְׁט מִיט קִינְדֶער, פוּן נֵייעֶס וָואס קִינְדֶער׳ס מוֹחִין פַארְנֶעמֶען נִישְׁט, בִּכְלַל זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן אִין שְׁטוּבּ בַּיים שַׁבָּת טִישׁ פוּן מַחֲלֹקֶת אוּן לָשׁוֹן הָרָע.

רֶעד צוּ דַיינֶע טֶעכְטֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, וֶוען זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט קַיין יֵצֶר הָרָע, וֶוען זֵייעֶרֶע אוֹיעֶרְן זֶענֶען נָאךְ אָפְן. רֶעד צוּ זֵיי פוּן זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוּן פוּן זִיךְ נִישְׁט שְׁמִירְן דִי נֶעגְל, וִוי גוּט עֶס אִיז אַז מֶען פָאלְגְט צַדִּיקִים, וִוי גוּט עֶס אִיז אַז מֶען שֶׁערְט זִיךְ אָפּ דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג נָאךְ דִי חֲתוּנָה, וִוי אַלֶע צָרוֹת, אַלֶע דִינִים אוּן קְלִיפּוֹת - גֵייעֶן אַוֶועק, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מַאכְן רוּעֶן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה אִין שְׁטוּבּ.

דֶערְצֵייל זֵיי וָואס דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (נָשֹׂא קכה:): ׳תּוּנְבָא לֵיתֵי׳, אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, ׳עַל הַהוּא בַּר נָשׁ׳, אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, ׳דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ׳ וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, ׳דְּתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר׳, אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. ׳וְדָא הוּא חַד מֵאִינּוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָהּ׳, אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְּרוֹי. ׳וְאִתְּתָא דְּאַפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר׳, אוּן אַ פְּרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, ׳לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ׳, זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, ׳גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא׳, אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, ׳וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְׁבוּן בְּדָרָא׳, אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב. ׳וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא׳, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז זִי גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ, ׳מַאן גָּרִים דָא׳ וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? ׳הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי

מְרֵישָׁהּ לְבַר׳, דִי פְּרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס; אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז פַארְקֶערְט אִיז נָאךְ מֶער, אַ פְּרוֹי וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז אִירֶע הָאר זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען, זִי שֶׁערְט זִיךְ דִי הָאר - וֶועט זִי הָאבְּן אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן זִי וֶועט הָאבְּן נַחַת פוּן אִירֶע קִינְדֶער.

אִינְוֶוענְדִיק בַּיי דַיינֶע שַׁבָּת סְעוּדוֹת, גֵיי נִישְׁט אַרוֹיס, לֵיל שַׁבָּת גֵייט מֶען נִישְׁט אַרוֹיס, לֵיל שַׁבָּת אִיז אַ צַייט פוּן זַיין אִין שְׁטוּב, מַאכְן פְרֵיילִיךְ דִי וַוייב מִיט דִי קִינְדֶער.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

בס"ד




# יא, מיטן אייבערשטנ'ס הילף!

סיינט אייך אויף עס צו
באקומען וועכנטליך
אויף די פאסט

רופט אדער טעקסט:
**718-387-2691**
אימעיל צו:
**subscribe@kerenhadfusa.org**

IDEA. 8457769664